אַ פּובליקאַציע פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

# דער ייִדישער טעם־טעם
# DER YIDISHER TAM-TAM

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

יאָר 20, נומער 5 (100) | 2,50 אייראָ | אָבֿ תּשע״ה/יולי 2015

## צוואַנציק יאָר טעם־טעם !!! (ז' 2)

לכּבֿוד דעם 100סטן נומער : אַ נײַער אויסשטעל מיט 12 פֿאַרביקע זײַטן !



## י. ל. פּרץ (1915–1852)

די גאָלדענע קייט (ז' 3), פּרצעס זכרונות (זז' 4–5),
„מאָניש" [פֿראַגמענטן] (זז' 5–6) און אַ פּרץ־שפּיל (ז' 7)

## סעקס אויף ייִדיש




שפּריכווערטער (ז' 8), סעקסגלאָסאַר (ז' 9), פֿעטע וויצן (ז' 10)
און אַ סעקסועלע פּאַראָדיע פֿון י. ל. פּרצעס „מאָניש" (ז' 11)

# נומער 100 !

## פֿון רובי מאָנעט



# דער יִדישער טעם־טעם

א פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר יִדיש־לערנערס

יאָר 1, נומער 1 | תּישרי תּשנ״ו / אָקטאָבער 1995

אונדזער לײַט־אַרטיקל[1]

### פֿאַר וואָס אַ זשורנאַל ?

א נײַע צײַטשריפֿט אויף יִדיש בײַם סוף פֿון 20סטן יאָרהונדערט איז עפּעס אַ צולהכעיס[2]. שרײַבן - און לייענען - אין אַזאַ שפּראַך. וואָס האָט מען דערפֿון?!

נו, גוט... אפֿשר איז די דאָזיקע אונטערנעמונג[3] אַ צולהכעיסדיקע. צו להכעיס[4] יענע וואָס טענהען[5] אַז די יִדישע שפּראַך האָט נישט קיין צוקונפֿט.

די אידעע פֿון שאַפֿן „דער יִדישער טעם־טעם" איז נישט אַרויסגעשפּרונגען פֿון די קעפּ פֿון יִדיש־פּאַנאַטיקער. זי איז להיפּוך[6] געקומען פֿון די סטודענטן פֿון די יִדישקורסן. וואָס האָבן געפֿאָדערט[7] אַ צײַטשריפֿט פֿאַר זייער ניוואָ: אַ דידאַקטיש חודש־בלאַט.

„דער יִדישער טעם־טעם" האָט טאַקע אַ ספּעציפֿישן ציל : עס זאָל זײַן אַ זשורנאַל פֿאַר מענטשן וואָס לערנען זיך יִדיש. און דער זשורנאַל וועט אפֿילו געשריבן ווערן דורך „זשורנאַליסטן" וואָס יִדיש איז נישט זייער מוטערשפּראַך. אַמאָל האָבן זיי זיך געלערנט יִדיש — און לערנען זיך נאָך... און אַזוי גייט ווייטער די גאָלדענע קייט[8] פֿון דער יִדיש־טראַדיציע.

1) éditorial ; 2) TSULEAKHES provocation ; 3) entreprise ; 4) pour agacer ; 5) TAYNEN affirmer ; 6) LEHEYPEKH au contraire ; 7) réclamer ; 8) chaîne

### פֿאַר וואָס אַ טעם־טעם?

פֿאַר וואָס האָבן מיר אויסגעטראַכט אַזאַ נאָמען פֿאַר דעם זשורנאַל ?

– ערשטנס, ווײַל מיר ווילן עס זאָל זײַן אַ מין „טאַמטאַם" . ווי די טאַמטאַמס אין אַפֿריקע, אַן אמתדיק[1] קאָמוניקאַציע־מיטל, אַז יִדיש־תּלמידים זאָלן קענען לייענען אַרטיקלען געשריבן הײַנט אויף הײַנטיקע טעמעס.

– צווייטנס, ווײַל מיר ווילן אַז עס זאָל האָבן אַ יִדישן טעם[2] (וואָס איז אַ יִדישער טעם קענט איר אַליין זאָגן...)

און דריטנס, אַזוי ווי מיר וועלן דאָ שפּילן מיט ווערטער, פּאַסט[3] עס דאָך אַז מיר זאָלן אָנהייבן מיט אַ ווערטערשפּיל. אַ טאַמטאַם מיט אַ יִדישן טעם = „דער יִדישער טעם־טעם" !

1) EMESDIK véritable ; 2) TAM goût ; 3) convenir פּאַסן

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָבן זיך געטראָפֿן אויף אַ שרײַבקורס אין דער מעדעם־ביבליאָטעק אַ קליינע גרופּע יִדיש־סטודענטן. זייער לערער איז געווען יצחק ניבאָרסקי[1] און דער ציל[2] — זיך אויסצולערנען גוט שרײַבן יִדיש. ווי אַ מין פּראַקטישע געניטונג[3] האָבן זיי געטראַכט : „לאָמיר פּרוּוון מאַכן אַ בלעטל[4] וואָס זאָל טויגן ווי לייען־מאַטעריאַל פֿאַר יִדיש־לערנערס". מע האָט אויסגעקליבן אַ נאָמען, אָנגעשריבן פֿיר זײַטלעך, פֿאָטאָקאָפּירט די גאַנצע זאַך און עס צעטיילט די יִדיש־סטודענטן אויף פֿאַרשיידענע קורסן אין פּאַריז. דאָס איז געווען דער אָנהייב פֿונעם יִדישן טעם־טעם. דער ערשטער נומער איז אַרויס אין אָקטאָבער 1995 (זעט בילד).

זינט דעמאָלט האָבן מיר זיך אַ סך פֿאַרגרעסערט און, לאָמיר האָפֿן, אַ ביסל פֿאַרבעסערט... און איצט האָבן מיר אַ נײַ פּנים[5] — זאָל זײַן מיט מזל[6] !

איז דאָס בלעטל וואָס איר האַלט אין לייענען דער הונדערטסטער נומער פֿון יִדישן טעם־טעם, אַ גאָר נישקשהדיקע[7] צאָל פֿאַר אַ יִדישן זשורנאַל[8] ! עלטערע און בעסערע, מיט טאַלאַנט און די בעסטע כּוונות[9], אין וואַרשע, ווילנע, פּאַריז אָדער ניו־יאָרק, האָבן געדויערט אַ סך ווייניקער !

צוזאַמען מיטן נײַעם אויסשטעל[10] האָבן מיר דאָס מאָל אויסגעקליבן אַ נײַע טעמע (אין דער אמתן[11] — אַן אַלטע טעמע וואָס דער יִדישער טעם־טעם האָט אָבער נאָך קיין מאָל ניט באַרירט[12]) : סעקס בײַ יִדן ! און כּדי[13] צו בלײַבן געטרײַ[14] דער טראַדיציע איז די צווייטע טעמע יצחק־לייבוש פּרץ[15], וואָס הײַיאָר[16] מערקט מען אָפּ[17] זײַן הונדערטסטן יאָרצײַט[18].

אין פֿאַרלויף[19] פֿון די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט זיך אַ סך געביטן אויף דער יִדיש־וועלט : עס זײַנען אַרויס ווichtige ווערטערביכער, עס האָבן זיך געשאַפֿן נײַע זומערקורסן (אין וואַרשע, ווילנע, תּל־אָבֿיבֿ[20], פּאַריז) וואָס ציִען צו[21] אַלע יאָר יונגע סטודענטן. דערצו איז אויך אָנגעקומען אינטערנעץ, וואָס האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער יִדישער לאַנדשאַפֿט.

דאַרפֿן די תּלמידים[22] האָבן נײַע, צוגעפּאַסטע[23] לייען־מאַטעריאַלן ! איז, טײַערע לייענערס, וואָס איר קריגט אונדזער בלעטל אויף פּאַפּיר אָדער דורכן „וועב", בלײַבט אין קאָנטאַקט מיט אונדז, שיקט אונדז פֿראַגעס, טענות[24], פֿאָרלייגן[25], פֿאַרלאַנגען[26] און, דער עיקר[27], אײַערע צושטײַערס[28] — אַרטיקלען, קורצע דערציילונגען, לידער, וויצן... צוליב אײַך עקסיסטירן מיר און אַ דאַנק אײַך וועלן מיר ווײַטער אָנגיין.

1. Yitskhok Niborski 2. objectif/goal 3. MIN ... sorte de travaux pratiques/sort of practical exercise 4. bulletin/periodical 5. PONEM visage, *ici* aspect/face, *here* appearance 6. ...MAZL bonne chance/good luck 7. NISHKO'SHEDIKE ... pas mal comme chiffre/quite a good record 8. revue/magazine 9. KAVONES intentions 10. mise en page/layout 11. ... E'MESN à vrai dire/actually 12. abordé/touched 13. KEDE'Y afin de/in order to 14. fidèles/true to 15. Yitskhok-Leybush Peretz 16. cette année/this year 17. on commémore/we commemorate 18. anniversaire de décès/anniversary of his death 19. au cours de/in the course of 20. TEL-AVIV 21. attirent/attract 22. TALMIDIM étudiants/students 23. appropriés/suitable 24. TAYNES reproches, critiques/complaints 25. suggestions 26. désirs/requests 27. ... IKER surtout/especially 28. contributions.

# די גאָלדענע קייט

## יצחק־לייבוש פּרץ[1] און זײַן ליטעראַרישע ירושה[2]

פֿון עוולין גרומבערג

די ערשטע וועלט־מלחמה[3] איז געווען דער סוף[4] פֿון אַ וועלט — און אויך דער סוף פֿון אַ ליטעראַרישער תּקופֿה[5]. די דרײַ קלאַסיקער — גרינדערס פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור — זענען געשטאָרבן בעת[6] די מלחמה־יאָרן : י. ל. פּרץ (1915), שלום־עליכם[7] (1916) און מענדעלע מוכר־ספֿרים[8] (1917). אין 2015, לכּבֿוד[9] פּרצעס 100סטן יאָרצײַט[10], האָט דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער אָרגאַניזירט אַ קולטורעלן סעזאָן געווידמעט דעם „טאַטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור" : רעפֿעראַטן[11], קאָנצערטן, פֿאָרלייענונגען[12], פֿאָרשטעלונגען, סעמינאַרן און אַן אויסשטעלונג[13], וואָס ווײַזן אויף די וויכטיקע שטריכן[14] פֿון זײַן לעבן און שאַפֿן.

פּרץ איז נישט נאָר געווען דער גע־ניאַלער שאַפֿער פֿון חסידיש[15] און פֿאָלקס־טימלעכע געשיכטע[16], צי פֿון דער דראַמע די גאָלדענע קייט[17], נאָר אויך אַ השפּעהדיקער טוער[18] אינעם קול־טורעלן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ווי אַ באַנײַערישער מחבר[19], האָט ער זיך אינספּירירט פֿון דער ייִדישער טראַדיציע צו שאַפֿן נײַע נוסחאָות[20] וואָס זאָלן קענען אויסדריקן די מיטצײַטישע[21] ייִדישע וועלט און אירע שטרעבונגען[22]. אַזוי האָט ער געעפֿנט אַ וועג נײַע דורות[23] ייִדישע טאַלאַנטן. זײַן דירה[24] אין וואַרשע איז געוואָרן אַ טרעפֿפּונקט פֿאַר יונגע שרײַבער און קינסטלער.

ווי אַן איבערגעגעבענער[25] מענטש און אַ פֿעיִקער[26] טוער האָט ער דורכגעפֿירט קאָנקרעטע און וויכטיקע אויפֿטוען לטובֿת[27] דעם ייִדישן פֿאָלק : צווישן אַנדערע, האָט ער אָרגאַניזירט שולן, יתומים־הײַזער[28] און אָוונט־קורסן פֿאַר אַרבעטער.

1. YITSKhOK-LEYBUSH PERETS 2. YERUShE héritage 3. MILKhOME guerre/war 4. SOF fin/end 5. TKUFE époque/era 6. BEYS pendant/during 7. SHOLEM-ALEYKhEM 8. Mendele MOYKhER-SFORIM 9. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 10. anniversaire de mort/anniversary of death 11. conférences/lectures 12. lectures/readings 13. exposition/exhibition 14. traits 15. KhSIDISH *Contes hassidiques/Hasidic Tales* 16. *Contes populaires/Stories in a Folk Vein* 17. *La Chaîne d'or/The Golden Chain* 18. HAShPO'EDIKER ... figure influente/influential leader 19. MEKhABER auteur/author 20. NUSKhOES formes stylistiques/styles, *sing.* נוסח NUSEKh 21. contemporain/contemporary 22. aspirations 23. DOYRES générations 24. DIRE demeure/apartment 25. dévoué/devoted 26. capable 27. LETOYVES en faveur de/in favor of 28. YESOYMIM-... orphelinats/orphanages 29. entreprise/venture 30. concours/contest 31. défi/challenge 32. sera mis en espace/will be staged 33. scène/stage 34. maillon/link.

די אויסשטעלונג שטרײַכט אונטער פּרצעס באַציִונגען צו מיטצײַטישע קינסטלער און ווײַזט אַ ריי בילדער אינספּירירט פֿון זײַנע ווערק.

דער סעזאָן גייט ווײַטער ביז דע־צעמבער 2015. ווי זאָל מען פֿאַר־ענדיקן אַזאַ אונטערנעמונג[29] ? לאָמיר דערמאָנען אַז דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער אָרגאַניזירט אַ קאָנקורס[30] וואָס באַשטייט אין אַ פֿאַרמעסט[31] : שרײַבן אַ נײַעם סוף צו פּרצעס דערציילונג „אויב נישט נאָך העכער". אויב די טעמע אינספּירירט אײַך, קענט איר געפֿינען אַלע אינפֿאָרמאַציעס אויפֿן וועבזײַטל :

yiddishweb.com/peretz/#concours

איר קענט אַרײַנשיקן אײַערע טעקסטן ביזן 15טן אָקטאָבער. דעם טעקסט וואָס וועט געווינען דעם קאָנקורס וועט מען אינס־צעניזירן[32] און שפּילן אויף דער בינע[33]. אַזוי קענט איר ווערן אַ נײַער רינג[34] אין דער גאָלדענער קייט !



# מײַנע זכרונות[1]

## קאַפּיטל 1 : קינדער־יאָרן און מלמדים[2] [אַ פֿראַגמענט]

### פֿון יצחק־לייבוש פּרץ

ג עווען בין איך, ווי מען האָט געזאָגט : אַן עילוי[3]. אַ פֿלי־נקן[4] לאָגישן קאָפּ געהאַט און — פֿיל געמיט[5].

ווי אַזוי בינדט זיך דאָס צוזאַמען ? עס בינדט זיך נישט, עס גיסט זיך נישט צוזאַמען[6]... אַ פּראָצעס פֿון צוויי עלעמענטן (אַ לאָגישער מוח[7] און אַ האַרץ פֿול געמיט) — אין איין „בעל־כּרחך אַתּה חי"[8]...

אין „מאָניש"[9], צווישן אונדז גערעדט, האָב איך געוואָלט מיך אַליין קאָפּירן. האָב איך מיך אָבער פֿאַרשענערט : איך בין געווען מאָגער[10], שוואַרץ, נאָר ברענענדיקע אויגן געהאַט (פֿונקען[11] זענען נאָך געבליבן) און גרויסע. דער, וואָס „טרעפֿט באַלד אַרײַן אין קאַרב"[12], מעג דער רמב"ם[13] זײַן ווי האַרב"[14] — בין איך ! נאָר דער „דערצו נאָך אַ בעל־קורא"[15] איז צוגעקומען צום גראַם[16]. קיין מאָל קיין בעל־קריאה[17] נישט געווען, נישט רעכט אַפֿילו[18] „מעבֿיר געווען די סדרה"[19]. דער עיקר[20] איז בײַ אונדז געווען לערנען...

[...]




און געדענקען געדענק איך מיך נאָך גאָר אַ קינד : 1) צווישן ייִנגלעך און מיידלעך אויף אַ הויף 2) אויף אַ פּאָדלאָגע[21] אין חדר[22]. דער מלמד האָט געהייסן חיים־קעלבל[23]. אַ ייִדל, זע איך



בילדער : לינאָגראַווירן פֿון פּנחס שער צו פּרצעס „מאָניש" (פּאַריז, 1952)

1. ZIKhROYNES mémoires/memoirs 2. MELAMDIM maîtres d'école juive traditionnelle/teachers in traditional Jewish school, *sing.* מלמד MELAMED 3. ILE enfant prodige/child prodigy 4. agile/quick 5. sensibilité/sensitivity 6. ne se mélange pas/it doesn't go together 7. MOYEKh cerveau/mind 8. BAL-KO'RKhEKhO ATO KhAY "bon gré mal gré, tu vis", *ici* un être humain/"you live, like it or not" *here* a human being 9. "Monish", long poème de Perets/poem by Perets (voir/see pp. 5–6) 10. maigre/thin 11. étincelles/sparks 12. *expression* tape dans le mille/*exp.* hits the nail on the head 13. RAMBAM *ici* commentaire de Moïse Maïmonide/commentary by Moses Maimonides 14. difficile/rough 15. BALKOYRE lecteur de la Tora à la synagogue/reader at the synagogue 16. rime/rhyme 17. BALKRIE *syn.* *de/of* בעל־קורא (note 15) 18. AFILE... même pas correctement/didn't even 19. MAYVER ... SEDRE lisait la Tora avec la modulation traditionnelle/read the Torah portion with cantillation 20. ... IKER le principal/the main thing 21. plancher/floor 22. KhEYDER école traditionnelle/traditional school 23. KhAIM-... Haïm le veau/Chaim the calf

איצט פֿאַר מיר, אַ קליינס, אַ קליין בערדל, קליינע אייגעלעך און
אַ קליין ספּאָדיקל[24]. און 3) ביים בעלפֿער[25] אונטערן אָרעם. אַ
זאַווערוכע[26] — און ער טראָגט מיך אין חדר אַריַין...
צו דריַ יאָר — אָנגעהויבן (גליַיך מיט אַלע
חבֿרים[27]) חומש[28]. געלערנט „ויקרא“[29].
זאָגן פֿלעג איך „ויטרא“. נישט
געקענט אַרויסברענגען קיין
„ק“, קיין „ג“ אויך נישט.
יאָרן לאַנג פֿלעגט מען מיך
רופֿן: דד דדוד ידודנו
(גד גדוד יגודנו)[30]...
שבת[31] נאָך דער
סעודה[32] האָט געזאָלט
זיַין ביַים זיידן אין
שטוב די שׂימחה[33].
בשעת[34] סעודה נעמט
מיך דער זיידע (אַ
קליין ייִדל, מיט אַ
ציטעריק[35] קעפּל, ווי
איך בין געוואָר געוואָרן[36],
פֿאַר עלטער[37]). זעצט מיך
אַרויף אויפֿן טיש, אין דער
מיט. די מאַמע דערשרעקט זיך און
כאַפּט געשווינד אַוועק פֿון אונטער מיר
אַ גאָפּל. אַרום טיש זיצט די גאַנצע משפּחה[38]:
אַ זון, צוויי טעכטער, צוויי איידעמס[39] און אַן אַלמנה[40], מיַינע
אַן עלטער־מומע, (פֿון וועלכער איך האָב געמאַכט די סקילער
רביצן[41], גאָר נישט איבערטריַיבנדיק), אַחוצן[42] זיידן מיט דער
באָבע. צו וואָס מען האָט מיך אַרויפֿגעזעצט, ווייס איך נישט.
מיר געפֿעלט עס. אַ וואַזע שטייט אויפֿן טיש, פּרווו איך, צי וועל
איך זי אַרומנעמען מיט די הענט, נעמט אָבער די באָבע די וואַזע
צו און פֿרעגט מיך, צי איך וועל קענען שפּעטער די דרשה[43].
— טענען! (קענען) — ענטפֿער איך און וויל שוין אַראָפּ פֿון
טיש; לאַנג אויף איין אָרט זיצן קען איך נישט.
פֿאַרהאַלט מיך אַ פֿעטער, שוין דעמאָלט אַ שטיקל משׂכּיל[44],
אין אַ שוואַרצן קאַפּעליוש[45], — דער זעלבער, וואָס וועט שפּע־
טער זיַין דער מבֿין[46] אויף מיַינע ייִנגלשע שירים[47] און וועט זיי
זאַמלען און באַהאַלטן, און פֿרעגט:
— און אויסלייגן[48] „ויטרא“ (ער מאַכט מיר נאָך)
קענסטו?
ווייס איך נישט, וואָס אויסלייגן איז,
פֿרעג איך:
— סטיַיטש[49]?
— ווי אַזוי שריַיבט מען „ויקרא“?
מיין איך, ער מאַכט חוזק[50].
— „ויטרא“ — ענטפֿער איך פֿאַר־
דראָסיק[51] — שריַיבט מען נישט.
„ויטרא“ איז אַ פּסוק[52] און אַ
פּרשה[53] אין דער הייליקער תּורה[54].
מען האָט מיר קוים אויס־
געטיַיטשט, וואָס מען מיינט און
איך דערזע פּלוצלינג פֿאַר די אויגן
שווּעבן[55] אין דער לופֿטן די פּרשה,
אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און רוף אָן איין
אות[56] נאָכן צווייטן, אויסערן שם הוויה[57].
דער מאַמען ווערן די אויגן פֿיַיכט[58] (נישט צו
גלייבן, ווי איך האָב אַלץ געזען), עפּעס האָבן ביַי איר
אָנגעהויבן צו פּינטלען[59] די אויגן און זי הייבט זיך אויף און
גייט אין אַ ווינקל אַריַין צום אויוון, די באָבע קוקט איר נאָך
און שמייכלט:
שעמט זיך נאָך אַלץ!
מיך נעמט דער זיידע פֿון טיש אַראָפּ צו זיך אויף דער שויס[60]
און גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל[61]. איך זיץ אָבער נישט לאַנג, —
ביייניקע פּיס[62] געהאַט, איז מיר נישט באַקוועם — און גיי איבער
צום טאַטן, וואָס קושט מיך.
[...]

24. petit chapeau/little hat 25. assistant d'enseignant chargé de mener les petits enfants au heder/teacher's assistant in charge of leading the little ones to school 26. tempête de neige/snowstorm 27. KhAVEYRIM amis/friends 28. KhUMESh Pentateuque/Pentateuch 29. VAYIKRO Livre du Lévitique/Book of Leviticus 30. GOD GEDU'D YIGUDENU Gen. 49:19 "Gad sera assailli par des bandes armées"/"Gad will be assailed by armed forces" 31. ShABES Shabbat/Sabbath 32. SUDE repas/meal 33. SIMKhE célébration 34. BEShA'S pendant/during 35. tremblant/trembling 36. j'ai appris/became aware 37. de vieillesse/from old age 38. MIShPOKhE famille/family 39. gendres/son-in-law 40. ALMONE veuve/widow 41. … REBETSIN la femme du rabbin de Skile (*allusion à un personnage de Peretz*)/wife of the Rabbi of Skile (*allusion to a character in a Peretz story*) 42. AKhUTSN à part/aside from 43. DROShE discours/speech 44. MASKIL adepte de la Haskala/follower of the Haskala 45. chapeau d'homme/men's hat 46. MEYVN expert 47. ShIRIM poèmes en hébreu/poems in Hebrew 48. épeler/spell 49. comment cela ?/what does that mean? 50. … KhOYZEK se moque/making fun 51. contrarié/annoyed 52. POSEK verset/verse 53. PARShE section 54. TOYRE Torah 55. flotter/float 56. OS lettre/letter 57. ShEM HAVAYE nom de Dieu/name of God 58. humides/damp 59. clignoter/blink 60. genoux/lap 61. me pince la joue/pinch on the cheek 62. jambes osseuses/bony legs.

# „מאָניש“[1]

## פֿון יצחק־לייבוש פּרץ[2]

די פּאָעמע „מאָניש“ — פּרצעס ערשט געדרוקט ווערק
אויף ייִדיש — ווערט באַטראַכט[3] ווי דער אָנהייב פֿון
דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע. עס איז אַ מעשׂה[4]
פֿון אַ ייִדיש ייִנגל אַן עילוי[5] וואָס ווערט פֿאַרפֿירט[6]
פֿון ליליתן[7] און פֿאַרלירט עולם־הבא[8]. פּרץ האָט צום ערש־
טן מאָל אָפּגעדרוקט די פּאָעמע אין 1888 אין שלום־עליכמס[9]
אַלמאַנאַך ייִדישע פֿאָלקס־ביב־
ליאָטעק און נאָך דעם האָט ער
זי אַ פּאָר מאָל איבערגעאַרבעט. די צוויי פֿראַגמענטן וואָס מיר
דרוקן דאָ (ז' 6) זענען פֿון יאָר 1892. אינעם ערשטן באַקענט
מען זיך מיט אונדזער העלד, מאָניש, און דער צווייטער איז אַן
אַריַינקלער[10] אין דער ייִדישער שפּראַך.

1. *prénom masc., diminutif de Menakhem/man's name, diminutive of Menakhem* 2. Yitskhok-Leybush Peretz (1852–1915) 3. est considéré/is considered 4. MAYSE histoire/story 5. ILE enfant prodige/child prodigy 6. séduit/led astray 7. LI'LISN Lilith (*datif/dative*) 8. OYLEM HABE la vie éternelle/the afterlife 9. ShOLEM-ALEYKhEMS de of Sholem-Aleykhem 10. réflexion/reflection.

# מאָניש [פֿראַגמענטן]

איר ווייסט — מן־הסתּם[1] —
די וועלט איז אַ ים[2],
מיר זענען פֿיש ;
(טייל זענען העכט[3],
שלינגען ניש'[4] שלעכט...
זאָגט, אפֿשר[5] ניש' ?)

די וועלט איז אַ ים,
ברייט אָן אַ שיעור[6] ;
די פֿיש זענען מיר,
דער פֿישער[7] איז ס"ם[8].
. . . . . .

ער האָט זיך אַלס פֿישער
ביַים לעבן געשטעלט !
די תּאווה[9] — דאָס ווערמל[10] ! —
פֿירט איבער[11] די וועלט.

עס כאַפּט וויל די אַנגל[12]
אַ פֿיש נאָך אַ פֿיש ;
עס דאַכט זיך אַ ווערמל —
אַ בליק נאָר, אַ קוש...

נאָר באַלד נאָכן ווערמל
גייט — האַקן[13] און שטריק ;
געענקט[14] מיטן לעבן,
אַ סוף[15] פֿונעם גליק !
. . . . . .

און יעדערער ווייסט עס,
און יעדערער קען אים,
דעם שמדניק[16], דעם שׂטן[17],
דעם שׂר[18] פֿון גיהנום[19] ;

און זעלטן איז עמעץ
באַשירעמט[20] און באַהיט...
אָט, איַיך צו וואָרענען[21],
זינג איך מיַין ליד !

א.
ס'איז געווען אַ מאָל אַן עילוי[22],
נישט געקענט די וועלט אַפֿילו[23]
נישט געווען אין קלאַס,
פֿרום[24] דער טאַטע, פֿרום די מאַמע,
די משפּחה[25] — לומדים[26] סאַמע,
גאָר פֿון עקסטן פֿאַס[27] !

סאַמע גאונים[28] און למדנים[29],
מיט אַן אַלף־בית רבנים[30],
ס'קלינגט מיט איר די וועלט[31] ;
און מבֿינים[32] גרויסע זאָגן :
זיי וועט אַלע איבעריאָגן[33],
מאָניש אונדזער העלד !

מאָניש איז אַ ווילער יונג,
ר'האָט[34] אַ קעפּל פֿיַיער פֿלינק[35],
אָנגעפֿילט מיט תּורה[36] !
טרעפֿט אויך באַלד אַריַין אין קאַרב[37],
מעג דער רמב"ם[38] זיַין ווי האַרב[39],
און דערצו נאָך אַ בעל־קורא[40] !

[...]

1. MINASTA'M sûrement/certainly 2. YAM mer/sea 3. brochets, *argot* gros bonnets/pike (fish) *slang* bigwigs 4. נישט 5. EFSHER peut-être/perhaps 6. ... SHIER sans limites/limitless 7. pêcheur/fisherman 8. SAM le diable/the devil ; acronyme de/acronym סמאל SAMOEL 9. TAYVE passion 10. asticot/little worm 11. corrompt, anéantit/corrupts, ruins 12. canne à pêche/fishing rod 13. hameçon/hook 14. fini/an end to 15. SOF fini/an end to 16. SHMADNIK malin/rascal 17. SOTN Satan 18. SAR prince 19. G(EH)ENEM enfer/hell 20. protégé/protected 21. prévenir/warn 22. ILE enfant prodige/child prodigy 23. ... AFILE même pas/not even 24. pieux/pious 25. MISHPOKHE famille/family 26. LOMDIM érudits/scholars 27. de la meilleure qualité/of the best quality 28. GEOYNIM génies/brilliant men 29. LAMDONIM érudits/scholars 30. ALEF-BEYS RABONIM une longue lignée de rabbins/a long line of rabbis 31. de réputation retentissante/of resounding fame 32. MEVINIM experts, *sing.* מבֿין MEYVN 33. dépasser/overtake 34. ער האָט 35. vif/sharp, quick 36. TOYRE études/learning 37. *expression* pige tout de suite/*exp.* understands it right away 38. RAMBAM (commentaire de) Moïse Maïmonide/(commentary by) Moses Maimonides 39. aussi difficile soit-il/so hard 40. BALKOYRE lecteur de la Tora à la synagogue/reader at the synagogue.

אַ וויכטיקער טייל פֿון "מאָניש" (זעט דאָ אונטן) האָט צו טאָן מיט דער פֿרוסטראַציע פֿון אַ ייִדישן פּאָעט וואָס קען ניט געפֿינען אין זיַין שפּראַך קיין פּאַסיקע[1] ווערטער אויף אויסצודריקן ליבע־געפֿילן. די דאָזיקע סטראָפֿעס האָט פּרץ[2] אָפּגעשאַפֿן[3] אין דער לעצטער ווערסיע פֿון דער פּאָעמע (פֿון 1908) — אפֿשר[4] האָט ער דעמאָלט געמיינט אַז זיי זענען מער ניט אַקטועל[5]...

אַנדערש וואָלט מיַין ליד געקלונגען,
כ'זאָל פֿאַר גויִים גוייִש זינגען,
נישט פֿאַר ייִדן, נישט „זשאַרגאָן[6]" —
קיין רעכטן[7] קלאַנג, קיין רעכטן טאָן !
ס'האָט פֿאַר ליבע, פֿאַר געפֿיל
נישט קיין פּאַסנד[8] וואָרט, קיין סטיל...

ר'איז אין גאַנצן בלוט און טרערן !
קענסט אין יעדן אויסדרוק הערן
ווי דער ים[17] — פֿון צרות[18] זידט[19],
ווי עס ברענט דאָס האַרץ דעם ייִד...
נאָר כאָטש פּלאַץ[20] דאָ אויפֿן אָרט,
ס'האָט קיין לעבלעך[21], וואַרעם וואָרט !...

אונדזער ייִדיש האָט נאָר וויצן,
האָט נאָר שפּיצן[9], בלאַנקע בליצן[10] ;
ווערטער ווי פֿאַרסמטע שפּיזן[11] !
אין אים לאַכן, וויינען ריזן[12] !
ר'איז ווי גאַל[13], ווי פּיאָלון[14] ביטער,
און ער דרעשט[15] דאָס ליַיב מיט ריטער[16] !

קיין איינציק וואָרט איז צאַרט[22] און גלאַט[23],
עס איז פֿאַר ליבע טויט און מאַט[24] —
„הערצל", „זעלע[25]", „שאַץ[26]" און „שעצל[27]" —
ס'האָט אַ טעם[28] ווי לאַקריץ־פּלעצל[29] ;
עס האָט קיין טעם, עס האָט קיין זאַלץ
און עס שמעקט נאָך גענדזנשמאַלץ[30] !

1. appropriés/suitable 2. PERETS 3. supprimé/eliminated 4. EFSHER peut-être/perhaps 5. d'actualité/timely 6. jargon *terme pour désiger le yiddish à l'époque/term for Yiddish at that time* 7. correct, convenable/right, proper 8. פּאַסיק 9. piques/barbs 10. brillants éclairs/brilliant flashes 11. FARSAMTE ... lances empoisonnées/poisoned spears 12. géants/giants 13. fiel/gall 14. absinthe (plante)/wormwood 15. meurtrit/bruise 16. gaules, bâtons/rods, sticks, *sing.* רוט 17. YAM mer/sea 18. TSORES soucis/troubles 19. bouillonne/boils 20. tu peux crever/you can burst trying 21. tiède/tepid 22. tendre/tender 23. doux/smooth 24. *ici* inerte/inert 25. âme/soul 26. trésor/treasure 27. trésor/treasure (*dim.*) 28. TAM goût/taste 29. biscuit à la réglisse/licorice cake 30. graisse d'oie/goose fat.

# פּרץ[1]־שפּיל

## פֿון לבֿנה מזרחי[2]

הײַיאָר[3] פֿאַלט אויס דער הונדערטסטער יאָרצײַט[4] פֿון יצחק־לייבוש פּרץ. לאָמיר זען, וויפֿל איר ווייסט וועגן זײַן לעבן און שאַפֿן.

**1.** י. ל. פּרץ איז געבוירן געוואָרן אין 1852 אין אַ רענעסאַנס־שטאָט...
א. ווילנע
ב. זאַמאָשטש
ג. וואַרשע

**2.** ווי אַ קינד איז פּרץ געווען...
א. אַן עילוי[5]
ב. אַ פֿוילער[6]
ג. אַ פֿאַרשטאָפּטער קאָפּ[7]

**3.** במשך פֿון[8] צען יאָר האָט פּרץ געאַרבעט ווי...
א. אַ גרינסן־פּאַרקויפֿער
ב. אַ לערער
ג. אַן אַדוואָקאַט

**4.** זײַן ערשט ייִדיש ווערק, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין 1888 אין שלום־עליכמס[9] ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק טראָגט דעם טיטל...
א. בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק
ב. מאָניש
ג. צווישן צוויי בערג

**5.** אין 1890 האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ סטאַטיסטישער עקספּעדיציע אין דער געגנט[10] פֿון טאָמאַשאָוו און זי באַשריבן אינעם ווערק...
א. בילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רייזע
ב. אײַזנבאַן־געשיכטן
ג. אין פּוילישע וועלדער

**6.** פּרצעס[11] אַרטיקל „האָפֿענונג און שרעק"[12] (1906) רעדט וועגן...
א. ייִדישע שרײַבער
ב. דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג
ג. פּוילישער געשיכטע

**7.** פּרצעס דירה[13] אין וואַרשע ווו עס פֿלעגן קומען צו גאַסט אַ סך ייִדישע שרײַבער האָט זיך געפֿונען אויף...
א. טלאָמאַצקע־גאַס
ב. קראָכמאַלנע־גאַס
ג. צעגלאַנע־גאַס

**8.** פּרצעס אַ באַרימטער העלד[14] הייסט...
א. באָנטשע שווײַג
ב. יאָשע קאַלב
ג. גימפּל תּם[15]

**9.** ווער באַהאַלט זיך אונטער דעם רבינס[16] בעט אין פּרצעס אַ דערציילונג ?
א. אַ יונג מיידל
ב. אַ ליטוואַק[17]
ג. אַ מויז

**10.** דער „פֿרומער"[18] העלד פֿון פּרצעס אַ דערציילונג איז...
א. אַ סאָלאָוויי[19]
ב. אַ קליאַטשע[20]
ג. אַ קאַץ

**11.** די שווערע לאַגע פֿון אַ פֿרוי אין דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער געזעלשאַפֿט שילדערט[21] פּרץ (צווישן אַנדערע) אין דער דערציילונג
א. מענדל בריינעס
ב. שׂרה[22] אינדיקס רעסטאָראַן
ג. שאַשע

**12.** אין 1949 האָט אַבֿרהם[23] סוצקעווער געגרינדעט אין ישׂראל[24] אַ באַרימטן ליטעראַרישן זשורנאַל[25] וואָס זײַן טיטל, גענומען פֿון פּרצעס אַ ווערק, איז...
א. אַלבאַטראָס
ב. כאַליאַסטרע[26]
ג. די גאָלדענע קייט



י. ל. פּרץ : האָלצשניט פֿון זוני מאַוד

## אַ רעבוס

די לייזונג[1] איז דער טיטל פֿון פּרצעס אַ באַקאַנטער דערציילונג.

**1.** וויפֿל זענען די אָבֿות[2] ?
**2.** אַ העלפֿט פֿון „מאַמע"
**3.** אַ טראַף[3] פֿון „תּמיד"[4]
**4.** אַ וווּנדער

1. solution 2. oves Patriarches/Patriarchs 3. syllabe/syllable 4. tomed toujours/always.

די ענטפֿערס אויף ז' 9

1. Yitskhok-Leybush Peretz (1852–1915) 2. Levana Mizrahi 3. cette année/this year 4. anniversaire de décès/anniversary of death 5. ile enfant prodige/child prodigy 6. paresseux/lazy 7. incapable d'apprendre/a blockhead 8. bemeshekh ... pendant/during 9. sholem-aleykhems de/of Sholem-Aleykhem (1859–1916) 10. région 11. pe'retses de/by Peretz 12. espoir et peur/hope and fear 13. dire appartement/apartment 14. personnage/character 15. tam naïf, simple d'esprit/fool, simpleton 16. rebns appartenant au maître hassidique/the rabbi's 17. Juif lituanien/Jew from Lithuania 18. pieux/pious 19. rossignol/nightingale 20. haridelle/mare 21. représente, décrit/describes, depicts 22. sore Sarah 23. avrom Sutzkever (1913–2010) 24. yisroel Israël 25. revue/review 26. bande/gang, bunch of friends.

נאָר פֿאַר דערוואַקסענע !

# געשלעכט-לעבן[1] בײַ ייִדן

## געזען דורכן שפּיגל פֿון ייִדישע שפּריכווערטער[2]

פֿון שרון בר־כּוכבֿא[3]

גאַנצע 35 יאָר האָט דער וואַרשעווער נגיד[4] איגנאַץ בערנשטיין[5] געאַרבעט איבער אַ זאַמלונג ייִדישע שפּריכווערטער און אויסדרוקן[6]. ער האָט געזוכט אומעטום: צווישן פֿאַרשיידענע מינים[7] ייִדיש־רעדנדיקע מענטשן, אין צײַטונגען, צײַטשריפֿטן און אין ביכער, ביז ער האָט צום סוף[8] אָנגעזאַמלט אַ ריזיקע צאָל[9] שפּריכווערטער און זיי אַרויסגעגעבן אין זײַן באַרימט בוך ייִדישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן, וואָס איז ביזן הײַנטיקן טאָג נאָך פֿון די וויכטיקסטע ווערק אויף דעם געביט[10]. איר קענט זיך פֿאָרשטעלן אַז זאַמלענדיק האָט בערנשטיין אויך געפֿונען אַ היפּשע[11] צאָל „נישט שיינע“ שפּריכווערטער. דאָס הייסט אַזעלכע וואָס האָבן צו טאָן מיט זאַכן פֿאַר וועלכע עס פּאַסט שתּיקה[12] ווי למשל[13] מענטשלעכע באַדערפֿענישן[14], געשלעכט־לעבן אָדער גלאַט אַזוי געמיינע ווערטער[15].

צוליב אינטעלעקטועלער אָרנטלעכקייט[16] האָט ער זיי אַוודאי[17] נישט געקענט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט[18] — זיי זענען דאָך אויך אַן עדות[19] פֿונעם „פֿאָלקסגײַסט“ און אַ טייל פֿון דער „פֿאָלקסשפּראַך“. נאָר זיי אַרײַנשטעלן אין בוך לעבן שפּריכווערטער וועגן שבת און יום־טובֿ[20] צי וועגן דער ייִדישער משפּחה[21] — דאָס פּאַסט פֿאָרט נישט[22]. איז וואָס טוט מען ?

בערנשטיין האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם גאָר פּיקאַנטן טייל פֿון זײַן זאַמלונג אין אַ באַזונדערער בראָשור „אויסגעלאַסענע און געמיינע[23] שפּריכווערטער“ (אויף לאַטײַן: „עראָטיקאַ עט רוסטיקאַ“) — און שוין ! מיט דעם איז ער יוצא געווען[24] אי פֿאַר דער וויסנשאַפֿט[25] אי פֿאַר דער מאָראַל.

אין פֿאַרגלײַך מיטן בוך איז די בראָשור אַ קליינטשיקע, אָבער פֿאָרט אַנטהאַלט זי מער ווי צוויי הונדערט איינסן[26]. וועלן מיר דאָ אַוודאי נאָר ברענגען אַ שמעק[27] פֿון דעם אַלעם, און אויב איר ווילט זיך דווקא[28] פֿאַרטיפֿן אין דער פֿראַגע, קומט זשע אין דער מעדעם־ביבליאָטעק, און גיט אַ קוק אין דער בראָשור.

**— אַז דאָס ווײַב גייט אין מיקווה[29] אַרײַן, קוקט דער מאַן פֿונעם פֿענצטער אַרויס.**

דאָס אָ שפּריכוואָרט איז לויט מיר נישט גראָב און נישט „אויסגעלאַסן“, און דווקא זייער חנעוודיק[30]. לויטן ייִדישן געזעץ טאָרן מאַן־און־ווײַב נישט שלאָפֿן צוזאַמען אין דעם פּעריאָד פֿון מענסטרואַציע, און די פֿרוי מוז זיך דערנאָך טוקן[31] אין מיקווה זיי זאָלן קענען פֿון דאָס נײַ זײַן צוזאַמען. באַשרײַבט דאָס שפּריכוואָרט אַ מאַן וואָס בענקט[32] נאָכן ווײַב אַזוי ווי זיי האָבן לאַנגע טעג נישט געקענט זיך אַרומנעמען, און ער וואַרט אומגעדולדיק, זי זאָל צוריקקומען צו אים אַהיים.

**— אַ פּירעג[33] איז ניט קיין קרעפּל[34], ער ווערט קיין מאָל נישט פֿאַרמיאוסט[35].**

אויף צו פֿאַרשטיין דאָס שפּריכוואָרט דאַרף מען ערשט וויסן אַז ס׳איז דאָ אַן אַנדער באַרימט שפּריכוואָרט (וואָס בערנשטיין ציטירט אויך אַוודאי), וואָס זאָגט אַז „קרעפּלעך ווערן אויך פֿאַרמיאוסט“. דאָס מיינט אַז אַפֿילו[36] פֿון די בעסטע זאַכן קען מען אַ מאָל האָבן צו פֿיל.

דערנאָך מוז מען זיך אינטימער באַקענען מיטן וואָרט „פּירעג“, אָדער „פּיראָג“. אפֿשר קענט איר שוין דעם הויפּט־באַטײַט פֿונעם וואָרט, וואָס מיינט אַ מין געבאַקן מאכל[37] געמאַכט פֿון טייג מיט געפֿילעכץ[38] (אָדער טאַקע אַ קרעפּל). נאָר אויף הענטשקע־לשון[39] (סלענג) מיינט עס גאָר דעם ווײַבלעכן געשלעכט־אָרגאַן.

אויב אַזוי, פֿאַרשטייט איר שוין די טיפֿע פֿילאָסאָפֿיע הינטער דעם גלײַכווערטל[40]: אַלץ אין לעבן קען אַ מאָל נימאס ווערן[41], נאָר נישט דאָס זײַן מיט אַ פֿרוי.

**— אַז דער מענטש איז אומעטיק, לאָזט דער קליינער אויך אַראָפּ דעם קאָפּ.**

דאָס וואָרט „קליינער“ איז איינער פֿון די צאָלרײַכע און אַ מאָל גאָר קרעאַטיווע אײַפֿעמיזמען וואָס די ייִדישע שפּראַך פֿאַרמאָגט פֿאַר דעם מענלעכן געשלעכט־אָרגאַן. דערקלערט אונדז דאָס שפּריכוואָרט אַז ווען אַ מאַן מאַכט נישט גוט, האָט ער נישט אַזוי פֿיל חשק[42] אויף קיין קוצעניו־מוצעניו[43].

1. vie sexuelle/sex life 2. proverbes/proverbs 3. Sharon Bar Kochva 4. NOGID homme riche/rich man 5. Ignatz Bernstein (1836–1909) 6. expressions 7. MINIM sortes/sorts 8. … SOF finalement/finally 9. immense quantité/huge number 10. domaine/domain 11. considérable 12. ShTIKE silence 13. LEMOShL par exemple/for example 14. besoins/needs 15. tout simplement gros mots/just plain dirty words 16. honnêteté/honesty 17. AVADE bien sûr/of course 18. ignorer/ignore 19. EYDES témoignage/testimony 20. ShABES … YONTEF shabbat et fêtes/sabbath and holidays 21. MISHPOKhE famille/family 22. ça ne se fait tout de même pas/it's not suitable, after all 23. impudiques et grossiers/lewd and common 24. YOYTSE … il s'est acquitté/he fulfilled 25. science 26. unités/units 27. un petit peu/a little bit 28. DAFKE justement/really 29. MIKVE bain rituel/ritual bath 30. KhE'YNEVDIK charmant/charming 31. s'immerger/immerse herself 32. languit/misses 33. tourte/meat pie 34. ravioli à la viande/meat-filled dumpling 35. … FARMIEST ne lasse jamais/gets boring in the end 36. AFILE même/even 37. … MAYKhL met cuit au four/a sort of baked goods 38. pâte et farce/dough and filling 39. argot/slang 40. bon mot/witticism 41. … NIMES … finit par lasser/you get fed up with 42. KhEYShEK envie/desire 43. des câlins/snuggling.




# מ׳אָ ניש ?[1]

## (מ׳אָ דאָך יאָ !)[2]

### פֿונעם נײַעם לץ[3] פֿון דער רעדאַקציע

מיר דרוקן דאָ אַפּאַ טעקסט וואָס פֿאַרבינדט אונדזערע צוויי טעמעס : פּרץ[4] און סעקס ! דער „טאַטע פֿון דער יִדישער ליטעראַטור“ פֿלעגט אַליין פֿון מאָל צו מאָל (דער עיקר[5] אין דער יוגנט) צוּווירצן[6] זײַנע טעקסטן מיט פּיקאַנטע[7] און וויציקע באַשרײַבונגען (אין דער ערשטער ווערסיע פֿון „מאָניש“ צום בײַשפּיל, פֿון יאָר 1887 אָדער אַפֿילו[8] פֿריִער, זעט מען שדים[9] מיט „אַ דאָס אָן אַ מאָס“[10]). נאָר דאָס דאָזיקע ליד איז אַ הײַנטצײַטיקע פּאַראָדיע אויף דעם פֿראַגמענט פֿון מאָניש (זעט ז׳ 6) וואָס רעדט וועגן דער יִדישער שפּראַך. דער „נײַער לץ פֿון דער רעדאַקציע“ (אַלוזיע צו איינעם פֿון פּרצעס פּסעוודאָנימען „דער לץ פֿון דער רעדאַקציע“) האַלט אַז אויף יִדיש האָט מען דווקא[11] יאָ אַלץ וואָס מע באַדאַרף צו רעדן וועגן וואָס עס זאָל ניט זײַן !

אַנדערש וואָלט מײַן ליד געקלונגען
ווען דאָס זינגען פֿרעמדע צונגען,
נאָר אַ ייִד און אויף זשאַרגאָן
מוז זיך לערנען ווי צו טאָן :
שרײַבן וועגן פּאָרנאָ־שפּיל
ווי אַ מענטש, נישט וו׳אַ שלומיאל[12].

קען מען דען אויף יִדיש זיצן
סתּם[13] אויף שטײַפֿע אבֿר[14]־שפּיצן ?
צי זיך דורכשלאָפֿן מיט ריזן[15]
קיצלענדיק[16] דעם דאַזן־דיזן[17] ?
צי אָרגאַזמיש טאָן אַ ציטער
ווען מע דרעשט[18] אײַך ס׳לײַב מיט ריטער[19] ?

מע קען בעסערס ! כ׳וויל נישט הערן
ווי עס שמונצן[20] פֿרעמדע בערן.
ס׳טוט דאָס איידעלער אַ ייִד
ווען ער קריכט שטיל מיטן גליד[21]
גלײַך אַהין אין יענעם אָרט
ווו מע טרענט זיך[22] און מע פּאָרט[23].

יאָ, ער טוט עס צאַרט און גלאַט
(ווי די מאַמע האָט אים געהאַט[24])
און ער מיאַוקעט[25] ווי אַ קעצל :
„פּושקע“, „שמוטשקע“[26], „שמאָק“ און „פּעצל“[27].
אָ, דאָס האָט מער טעם[28] ווי אַלץ,
און ס׳איז נײַס און נישט קיין אַלטס !

1. *jeu de mots*/*play on words*: Monish/מע האָט נישט 2. מע האָט דאָך יאָ
3. LETS clown 4. PERETS 5. … IKER surtout/especially 6. épicer/spice up
7. croustillants/hot, risqué 8. AFILE même/even 9. SHEYDIM diables/
devils 10. un énorme "machin" (*euph. pour l'organe sexuel*)/an ex-
tremely large "thing" (*euph. for sexual organ*) 11. DAFKE en effet/in-
deed 12. SHLUMI'L comme un imbécile/like a fool, a dummy 13. STAM
simplement/simply 14. EYVER organe sexuel masculin/male sexual
organ 15. géants/giants 16. chatouillant/tickling 17. le machin bid-
ule/the "whatsit" 18. on meurtrit/they bruise 19. gaules/rods, sticks,
*sing.*רוט 20. baisent/screw 21. membre/member 22. baise/screw
23. s'accouple/copulate 24. tout nu/stark naked 25. miaule/me-
ows 26. *deux synonymes pour* le vagin/*two synonyms for* the vagina
27. *deux synonymes pour* le pénis/*two synonyms for* the penis 28. TAM
saveur/taste, charm.


וואַנט־מאָלערײַ פֿון אַ באָרדעל אין דער רוימישער שטאָט פּאָמפּיי

**די ענטפֿערס אויף די שפּילן פֿון זײַט 7 :**

1) ב. 2) א. 3) ג. 4) ב. 5) א. 6) ב. 7) ג. 8) א. 9) ב. 10) ג. 11) א. 12) ג.

די לייזונג פֿונעם רעבוס : „דרײַ מתּנות“.

נאָר פֿאַר דערוואַקסענע !

# סעקסגלאָסאַר




| | |
|---|---|
| די ליבע, די ליבשאַפֿט | amour/love |
| סעקסועל | sexuel/sexual |
| דער באַגער | désir/desire |
| דער סעקס | sexe, sexualité/sex, sexuality |
| די לײַדנשאַפֿט, די תּאווה [TAYVE] | passion |
| דאָס געשלעכט | sexe, genre/sex, gender |
| די עראָטיק | érotisme/eroticism |
| עראָטיש | érotique/erotic |
| העטעראָסעקסוע'ל | hétérosexuel/heterosexual |
| האָמאָסעקסוע'ל | homosexuel/homosexual |
| ביסעקסוע'ל | bisexuel/bisexual |
| דער געליבטער, דער ליובאָווניק, דער קאָכאַניק | amoureux, amant/lover (*masc.*) |
| די געליבטע, די ליובאָ'וניצע, די קאָכאַנקע | amoureuse, maîtresse/lover (*fem.*) |
| די געשלעכט־אָרגאַנען | organes sexuels/sexual organs |
| דער פּעניס, דער אבֿר [EYVER] | pénis |
| דער פּאָץ, דער שמאָק | bite (*vulg.*)/dick (*vulg.*) |
| טעסטיקלען | testicules/testicles |
| אייער, בצים [BEYTSIM] | couilles (*vulg.*)/balls (*vulg.*) |
| די ערעקציע | érection |
| דער זוימען | sperme/semen |
| די וואַגינע | vagin/vagina |
| דער קליטאָר | clitoris |
| די ברוסט (בריסט) | sein/breast |
| דער הינטן | fesses/behind |
| דער תּחת [TOKHES] | cul (*vulg.*)/ass (*vulg.*) |
| מאַכן קוצעניו־מוצעניו | faire des câlins/cuddle |
| אַרומנעמען (זיך), האַלדזן (זיך) | (s')enlasser/embrace (each othe |
| קושן | embrasser/kiss |
| גלעטן, צערטלען | caresser/caress |
| הנאה האָבן [HANOE] | jouir/come (sexually) |
| פֿירן אַ ליבע (מיט) | sortir (avec qqn)/go out (with s.o.) |
| באַהעפֿטן זיך מיט, שלאָפֿן מיט, לעבן מיט | faire l'amour avec/to have sex with |
| טרענען, יענצן, רײַבן, שמונצן | baiser (*vulg.*)/fuck (*vulg.*) |
| דער אָרגאַזם | orgasme/orgasm |
| די קאָנטראַצעפּטיווע מיטלען | contraception |
| דער פּרעזערוואַטיוו | préservatif/condom |




# אַ פּאָר פּעטע וויצן[1]

## אויסגעקליבן לויט אַלטע מקורים[2]

נאָר פֿאַר דערוואַקסענע !



בילד פֿון אַ מיטל־עלטערישן בוך וועגן געזונט און ווײַלזײַן (פֿון 14טן יאָרהונדערט)

לויט ייִדישקייט איז שטרענג פֿאַרווערט[3] עמעצער זאָל זיך צוקוקן בעת[4] מאַן און ווײַב באַהעפֿטן זיך[5]. פֿאַר וואָס ? דער ענטפֿער איז : טאָמער אַ ייִד וועט זען ווי אַן אַנדער ייִד נעמט זיך צום ווײַב, וועט ער אים באַלד זאָגן : „איך קען בעסער, לאָזט מיך, וועל איך אײַך ווײַזן"...

— פֿאַר וואָס האָבן קרעפּלעך[6] דרײַ שפּיצן[7] ?
— דאָס איז אַנטקעגן די אימהות[8], די מאַמעס פֿון ייִדישן פֿאָלק.
— די אימהות זענען דאָך אָבער געווען פֿיר : שׂרה, רבֿקה, רחל און לאה[9] !
— יאָ, אָבער רחל און לאה האָבן געהאַט נאָר איין שפּיץ[10]...

אויף „קומען" זאָגט מען אין לשון־קודש[11] „בוא"[12], און דער זעלבער ווערב איז אַן אייפֿעמיזם פֿאַר „האָבן געשלעכט־באַציִונגען מיט אַ פֿרוי".

אין דער תּורה[13] שטייט : ואבֿרהם זקן בא בימים[14] — „און אַבֿרהם איז געווען אַלט, געקומען אין די טעג".
טײַטשט מען[15] : טאַקע[16] ווײַל ער איז געווען אַלט, איז ער שוין מער נישט געקומען אין די נעכט...

אַ יונג ווײַבל קומט צום רבֿ[17] מיט אַ טענה[18] : זי וויל איר מאַן זאָל איר געבן אַ גט[19].
— פֿאַר וואָס ? — פֿרעגט דער רבֿ.
— איך שעם זיך דאָס צו זאָגן, רבי[20].
— נו מילא[21], טאָ[22] נעם אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ בלײַפֿעדער[23], זעץ זיך אַוועק דאָרטן אין ווינקל און שרײַב עס אָן.
אַ מינוט שפּעטער איז דאָס ווײַבל דאָ צוריק מיטן שטיקל פּאַפּיר. דער רבֿ טראָגט עס צו צו די אויגן — ער זעט נישט קיין וואָרט.
— עס שטייט דאָך גאָרנישט ! — זאָגט דער רבֿ.
— דאָס איז טאַקע די צרה[24], רבי...

— די תּורה איז זייער גוט קעגן אימפּאָטענץ.
— אַ יאָ, פֿאַר וואָס ?
— נו, מע זאָגט דאָך : אַלץ שטייט אין דער תּורה !

אין מיטן יום־כּיפּור[25] זעט אַ ייִד, ווי זײַנער אַ באַקאַנטער יונגער־מאַן גנבֿעט זיך אַרויס[26] פֿון שול[27]. פֿרעגט ער אים :
— וווּהין ?
— אין הײַזל[28] אַרײַן, צו די מיידלעך ! — ענטפֿערט יענער.
— שעמסט זיך נישט ? ס'איז דאָך עפּעס יום־כּיפּור אויף דער וועלט !
— אויף דער וועלט איז טאַקע יום־כּיפּור, נאָר וואָס קען איך זיך העלפֿן, אַז בײַ מיר אין די הויזן איז שׂימחת־תּורה[29] ?

אַ יונג צניעותדיק[30] ווײַבל טרעפֿט זיך מיט אַ חבֿרטע[31] דעם טאָג נאָך איר חתונה[32]. די חבֿרטע איז נײַגעריק צו וויסן ווי איז אַדורך די ערשטע נאַכט און וואָס יענע טראַכט וועגן איר חתן[33].
— ער איז משוגע[34] !
— ווי אַזוי ?
— ער קריכט אויף מענטשן..!

1. blagues grossières/dirty jokes 2. … MEKOYRIM selon d'anciennes sources/from old sources, *sing.* מקור MOKER 3. interdit/forbidden 4. BEYS pendant que/while 5. font l'amour/make love 6. sorte de raviolis/dumplings 7. bouts/points 8. … IMOES à cause des matriarches/because of the Matriarchs 9. SORE, RIVKE, ROKHL … LEYE Sarah, Rebecca, Rachel, Leah 10. *euphémisme pour l'organe sexuel masculin/euphemism for the male sexual organ* 11. LOSHN-KOYDESH hébreu/Hebrew 12. BOY arriver/come 13. TOYRE Torah 14. VEAVROM ZOKN BO VAYOMIM 15. on traduit, on explique/they translate, they explain 16. précisément/precisely 17. ROV rabbin/rabbi 18. TAYNE plainte/complaint 19. GET divorce 20. REBE maître/master 21. … MEYLE soit/let it be 22. alors/so 23. crayon/pencil 24. TSORE problème/problem 25. YOM-KIPER Yom Kippour/Yom Kipur 26. GANVET … se faufile dehors/steals out 27. synagogue 28. bordel/bordello 29. SIMKHES-TOYRE fête de la joie de la Torah/holiday of Rejoicing in the Torah 30. TSNI'ESDIK chaste 31. KHA'VERTE amie/friend (*fem.*) 32. KHA'SENE noces/wedding 33. KHOSN nouveau mari/bridegroom 34. MESHUGE fou/crazy.

דער יִידישער
DER YIDISHER

# טעם־טעם
# TAM-TAM

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר יִדיש־לערנערס

דער יִידישער טעם־טעם איז אַ פּובליקאַציע פֿון פּאַריזער יִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק.
*DER YIDISHER TAM-TAM* est une publication de la Maison de la culture yiddish – Bibliothèque Medem.

## רעדאַקציע

**רעדאַקטיר־קאָלעגיע**
נאַטאַליע קריניצקאַ
עוולין גרומבערג
רובי מאָנעט

**מיטאַרבעטער אין דעם נומער**
שרון בר־כוכבא
אַקווילע גריגאָראַוויטשיוטע
טל חבֿר־כיבאָווסקי (אויסשטעל)
יצחק ניבאָרסקי (שפּראַך־השגחה)

## Rédaction

**Comité de rédaction**
Natalia Krynicka
Evelyne Grumberg
Rubye Monet

**Ont collaboré à ce numéro**
Sharon Bar-Kochva
Tal Hever-Chybowski (graphiste)
Akvilė Grigoravičiūtė
Yitskhok Niborski (responsable linguistique)


**DER YIDISHER TAM-TAM**
Maison de la culture yiddish – Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris

Tél. : +33(0)1 47 00 14 00
Fax : +33(0)1 47 00 14 47

yiddishweb.com/tamtam
tamtam@yiddishweb.com


**פּרײַז : 2,50 אייראָס**
**PRIX/PRICE : 2,50 €**



בילד : לינאָגראַוויור פֿון פּנחס שער צו פּרצעס „מאָניש" (פּאַריז, 1952)

דער יִדישער טעם־טעם איז אַן אייך־און־אייניציקע פּובליקאַציע אין גאַנצן געוווידמעט יִדיש־לערנערס, וואָס גייט אַרויס אָן פּראָפֿיט־צוועק. מיר בעטן אויף אײַער אונטערשטיצונג !

**מיר פֿאַרבעטן אײַך**
— זיך צו אַבאָנירן אונטער :
yiddishweb.com/abonirn
— צו קויפֿן אַלטע נומערן אונטער :
yiddishweb.com/altenumern
— צו שיקן אַ צושטײַער אונטער :
yiddishweb.com/matone
— צו דערציילן אײַערע חבֿרים, לערערס און תּלמידים וועגן דעם יִדישן טעם־טעם !

מיר דאַנקען אײַך גאָר האַרציק !
די רעדאַקציע